בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת שמות תשע"ו

גליון 341 [שנה ח']

### דער שייכות פון וַיִּרְבּוּ מיט וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ

וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ וגו': וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ עַל־מִצְרָיִם: (א' ז–ח) פארוואס שטייט דוקא יעצט דער ענין פון פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ און נישט שפעטער אין די פרשה? נאר עס איז באוואוסט די קשיא פארוואס זענען די אידן נאר געווען אין מצרים 210 יאר ווען זיי האבן געדארפט זיין 400 יאר? נאר ווייל די אידן זענען געווארן זייער גרויס אין צאל, האט די צאל משלים געווען די ארבעט פון 400 יאר אין 210 יאר. און אין גמ' (מגילה י"ג:) שטייט אז דער אויבערשטער באשאפט די רפואה פאר די מכה. דאס איז מרומז אין פסוק, וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ: זיי האבן זיך געמערט מער ווי עס וואלט געדארפט זיין, און דאס איז די רפואה פאר די מכה פון וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ וואס האט זיך אנגעפאנגען די שיעבוד, וואס דורך וַיִּרְבּוּ, האבן די אידן געקענט ארויס גיין פאר די צייט. דאס קען זיין פשט אין פסוק יב וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ, די תורה איז מרמז כַּאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ, אזוי ווי עס האט זיך אנגעהויבן די גלות, וועגן דעם, כֵּן יִרְבֶּה, כדי מען זאל ארויסגיין פאר די צייט. (שרגא המאיר שנייבאלג)

### ערשטע גזירות זענען אויף די מנהיגים

וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ עַל־מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא־יָדַע אֶת־יוֹסֵף: וַיֹּאמֶר אֶל־עַמּוֹ הִנֵּה עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רַב וְעָצוּם מִמֶּנּוּ: הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ: וגו': (א' ח'–י) שרייבט רש"י נִתְחַכְּמָה לוֹ. ורבותינו דרשו, נתחכם למושיעם של ישראל, לכאורה וויל רש"י מפרש זיין אז מען זאל פארשטיין די המשך הפסוקים, ווייל מען זעט אין אלע דורות ווען גוים האבן געמאכט גזירות אויף כלל ישראל זענען די רבנים און מנהיגים געווען דער רוח חיים מחזק זיין די אידן און אזוי דורכמאכן די גזירות. פרעה האט געוואלט דאס צוברעכן און אומברענגען די רבנים און מנהיגים ממילא וועלן די אידן נישט האבן כח און מוט דורכמאכן די אלע גזירות. דאס זעלבע שטייט אין די פסוקים וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ וגו' וַיֹּאמֶר אֶל־עַמּוֹ הִנֵּה עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: פרעה פרעגט זיין פאלק, ווי האבן די בני ישראל כח צו זיין אזא פאלק און דורכמאכן אלע צרות, איז נאר ווייל רַב וְעָצוּם: זיי האבן א שטארקן רַב, איז מִמֶּנּוּ: און פון אים באקומען זיי חיזוק, איז ממילא הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ זאגט רש"י ווער איז לו? למושיען של ישראל, מען דארף מבטל זיין: מושיען: זייער מנהיג, וועלן זיי שוין נישט האבן ווער עס זאל זיי מחזק זיין, און אזוי וועלן מיר זיי באזיגן ח"ו. (נועם מגדים) און אין די צווייטע וועלט'ס מלחמה האט היטלר ימ"ש דאס נאכגעטאן און געזוכט פריערט אומצוברענגען די רבנים און מנהיגים, אז די אידן זאלן נישט האבן ווער עס זאל זיי מחזק זיין, וועט אים זיין גרינגער אויספירן זיינע גזירות. (המלקט)

### נאר בכח אמונה

הִנֵּה עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רַב וְעָצוּם מִמֶּנּוּ: (א' ט) מיט וועלכע כח האבן אידן דורכמאכן שווערע גזירות? מִמֶּנּוּ: פון אים דעם אויבערשטן, ווייל אידן האבן אמונה אין אויבערשטן דאס טוט זיי האלטן: און וואקסן, און אונז האלטן זיך אויך ביז משיח בב"א. נאר מכח פון אמונה בה' (שמח זבולון)

### א איד איז א מכיר טוב

וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ עַל־מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא־יָדַע אֶת־יוֹסֵף: (א' ח') זאגט רש"י אשר לא ידע: עשה עצמו כאלו לא ידעו, די תורה וויל מְגַנֶּה זיין די גוים אז זיי זענען כפוי טובה. ווייל נאך וואס יוסף האט געראטעוועט זייער לאנד און לעבן און מען פארגעסט שוין די גוט'ס! דער גוי וועט אלעמאל זיין אזוי. אין מדרש הגדול שטייט דער וואס לייקנט די טובה פון זיין חבר וועט לייקענען די טובה פון אויבערשטן שנא' אֲשֶׁר לֹא־יָדַע אֶת־יוֹסֵף, און צום סוף איז געווען "לֹא יָדַעְתִּי אֶת הַ'", דער וואס איז א כפוי טובה איז אויך א כופר אין אויבערשטן. אבער כלל ישראל גלויבן אין אויבערשטן, זיי האבן יא די מדה פון הכרת הטוב. און דאס שטייט אין די פרשה, ווען דער אויבערשטער זאגט צו משה: וְעַתָּה לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ אֶל־פַּרְעֹה וְהוֹצֵא אֶת־עַמִּי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם: (ג' י') איז דאס געווען א ציווי פון ה' צו גיין, פונדעסטוועגן איז משה רבינו געגאנגען נעמען א הסכמה פון יתרו, וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיָּשָׁב אֶל־יֶתֶר חֹתְנוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ אֵלְכָה־נָּא וְאָשׁוּבָה אֶל־אַחַי אֲשֶׁר־בְּמִצְרַיִם: (ד' י"ח) און אין מדרש תנחומא שטייט (סי' ז) אז משה האט געהאט הכרת הטוב פאר יתרו וואס ער האט געטאן פאר אים און האט געדארפט בעטן רשות פון אים. דאס איז די מוסר השכל פון די פרשה: אֲשֶׁר לֹא־יָדַע אֶת־יוֹסֵף, ווייל די גויים זענען כפוי טובה און נישט מכיר טובה. אבער דער איד וואס איז א מאמין און א מרחם, ער איז שטענדיג א מכיר טובה. (תפארת מרדכי –דרוק)

### קוקן אויף א צדיק איז ממשיך קדושה

וַתִּפְתַּח וַתִּרְאֵהוּ אֶת־הַיֶּלֶד וְהִנֵּה־נַעַר בֹּכֶה וַתַּחְמֹל עָלָיו וַתֹּאמֶר מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה: (ב' ו') פרעגן די מפרשים וואס איז פשט אין פסוק ווייל זי האט געזען אז דער קינד וויינט און זי האט רחמנות געהאט איז א סימן אז ער איז א אידיש קינד, ווי אזוי האט זי געוואוסט? ענטפערט הרה"ק ר' אהרן דער זון פון דברי חיים מצאנז זצוק"ל, אז עס איז באוואוסט אז אידן זענען דאך רחמנים בני רחמנים, אבער פארקערט די גוים האבן א פארשטיינערטער הארץ פון א אכזר און האבן נישט קיין רחמנות. און עס שטייט אין ספרים הק' אז מען קוקט אויף א צדיק איז מען ממשיך אויף זיך די קדושה און די גוטע מדות פון דעם צדיק, איז ווען בת פרעה האט געעפענט די תיבה און האט געזען דאס קינד, איז געפאלן אויף איר א שטארקע געפיל פון רחמנות, און זי האט זיך געוואונדערט ווי קומט דאס צו איר –א גוי–אזא רחמנות געפיל! האט זי פארשטאנען אז עס איז נאר ווייל זי האט געקוקט אויף דאס קינד וואס איז א איד, וואס איז פול מיט רחמנות, און דאס האט אויף געצויגן דעם מדות רחמנות צו איר, איז דאס געווען איר סימן, אז מילדי העברים זה. (מקור חיים – צאנז דף 151)

## מדור העובדות

## ר' מאיר מפרימישלאן הייסט א חסיד פארן אין לעמבערג און ער ווערט רייך

אין קראקא האט געוואוינט הרה"ח ר' יוסיל ציינווירט -דער זון פון הגאון הצדיק רבי אברהם אביש מווישניצא זצ"ל א תלמיד פון הייליגן חוזה מלובלין און פון הצדיק הקדוש רבי מנחם מנדל מרימינוב זצוק"ל, - ער איז געפארן צו הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן זצוק"ל.

ער איז געווען א גרויסע ארימאן און עס האט זיך דערנענטערט דעם יו"ט פסח און עס איז נישטא קיין געלט אויף גארנישט, ר' יוסיל וויל נישט בארגן ווען ער ווייסט נישט ווי אזוי ער וועט דאס צוריק באצאלן, האט ער גענומען זיין ווייב און קינד און זיי איבערגעלאזט ביי זיין שווער אין שטוב, און ער איז געפארן צו זיין רבין, טראכטנדיג אזוי דורך שטופן דעם יו"ט, און אנקומענדיג אין פרימישלאן ביים רבין ער ערווארט א שיינעם קבלת פנים פון זיין רבין, ווי דער שטייגער פלעגט זיין, אבער דאס מאל נעמט דער רבי שרייען אויף אים, "מען צו שטערט דעם שמחת יו"ט פון די משפחה און מען קומט זיך רוהען ביים רבין! ווער האט דיר געבעטן"? דער רבי בארוהיגט זיך און רעדט צו זיך און זאגט "מען פארט אהיים און מען בארגט געלט אויף יו"ט און מען

גרייט אן מיט א ברייטקייט און נאך יו"ט פארט מען אין לעמבערג און מען פארדינט צען טויזנט רייניש און נאכדעם קומט מען צום רבין אויף שבועות א נגיד"!

ר' יוסיל הערט גוט די ווערטער און געזעגנט זיך מיט פול ברכות און פארט אהיים, און פאלגט וואס דער רבי האט געהייסן צו בארגן געלט. און ער האט געפראוועט א יו"ט מיט זיין משפחה מיט שמחה און בהרחבה.

די אמונה פון א חסיד איז גרויס און גלייך נאך יו"ט דינגט ער א וואגן און פארט קיין לעמבערג. און דינגט א צימער און גייט אין שול דאווענען און לערנען זיין סדר און נאכדעם גייט ער אין מארק זוכן זיין פרנסה. ער דרייט זיך אהין און צוריק און גייט לעבן די געשעפטן אבער גארנישט האט פאסירט, און אזוי טוט ער פאר 4 טעג. אין דעם פינפטן טאג רופט אים צו א איד פון זיין געשעפט פון סחורה און פרעגט אים פארוואס דרייט ער זיך שוין אזוי א פאר טעג? וואס זוכט ער? ר' יוסיל זאגט אז ער איז געקומען מאכן געשעפטן דא אין לעמבערג אבער קיין געלט האט ער נישט, און איך בין מתפלל אז דער אויבערשטער זאל מיר עפעס צו שיקן.

רופט זיך אן דער איד איך זעה אז דו ביזט א ירא שמים און איך בין וויליג דיר אנטראגן א געשעפט מיט אן געלט, היות אז איך דארף אוועק פארן אויף עטליכע וואכן און איך קען נישט פארשליסן מיין געשעפט נישט ווייל עס פעלט מיר דאס געלט נאר ווייל מיינע קונים וועלן שוין מער נישט קומען צו מיר און גיין צו מיין קאנקורענץ, דעריבער בין איך דיר מציע אז דו זאלסט זיין אין געשעפט די שעות וואס איך בין אפן און די אלע רווחים פון געשעפט וועט זיין דיינס. דו וועסט מיר דארפן באצאלן נאר פאר די קרן. ר' יוסיל זאגט צו ער וועט ארבעטן בנאמנות און זיי גיבן זיך די הענט. דער איד הייסט ר' יוסיל אראפשרייבן אלע סחורות פון געשעפט וויפיל איז דער קרן וואס ער וועט דארפן באצאלן פאר דער בעה"ב.

דער בעה"ב איז אוועקגעפארן און ר' יוסיל פירט דעם געשעפט בנאמנות און בעט דעם אויבערשטן ער זאל מצליח זיין אזוי ווי דער רבי האט אים געבענטשט. איין טאג אויפן וועג גייענדיג עפענען דעם געשעפט זעט ר' יוסיל ווי עס רעש'ט זיך אין מארק און ער זעט ווי א שורה פון רייכע וועגענער קומען צום מארק און עס דערקענט זיך אז דאס איז פון דער קעניגליכער פאלאץ. און ר' יוסיל פרעגט וואס איז די מטרה פון זייער קומען? האט אים איינער געענטפערט אז די שרים פון קעניגליכן הויף קומען איינקויפן אין שטאט פארשידענע סחורות און זאכן פאר דעם קעניג'ס הויף, אבער יעצט דארפן זיי זייער אסאך סחורה פאר א חתונה וואס גייט פארקומען. ר' יוסיל פרעגט ווי גייט דער סדר? און מען האט געענטפערט אז דער סוחר וואס גיט דעם ביליגסטן פרייז, פון דארטן קויפן זיי און מען צאלט גלייך אויפן ארט די געלט.

ר' יוסיל טראכט אז דאס האט דער רבי זיכער געמיינט, און מאכט א חשבון אז ער האט נישט קיין סאך דא וואס צו פארלירן אויב ער גיט א ביליגן פרייז ווייל ער דארף נאר באצאלן די קרן און ער וועט צולייגן א קלייניקייט העכער דער קרן און ירחם ה'!

ר' יוסיל לויפט שנעל אין געשעפט און שרייבט אפ די אלע סחורות פון געשעפט און שרייבט אויך א גאר ביליגער פרייז פאר די סחורה און ברענט זיין רשימה פאר די שלוחי המלכות. דער שר שרייבט אלע פרטים פון די געשעפט. און ר' יוסיל גיין צוריק אין געשעפט און פירט דאס ווי ביז יעצט, אבער אין א וואך ארום ווען ער גייט אין מארק עפענען זיין געשעפט זעט ער נאכאמאל א שיירא פון גאר גרויסער קעניגליכער וועגענער שטייען ביי זיין געשעפט און ווארטן. ווען ר' יוסיל קומט פרעגט מען אים צו ער איז דער אייגנטימער פון געשעפט און ענטפערט אז יא! א שר זאגט אים אז זיין פרייז וואס ער האט געגעבן פאר סחורה האט מען אנגענומען און זיי ווילן ביי אים אפקויפן אלע סחורות וואס ער האט, און זיי האבן געברענגט שטיקער גאלד אויף צובאצאלן פאר אלעס.

די שר שיקט אריין סאלדאטן זאלן אים העלפן און מען נעמט סחורה פון פאלעצע צו פאלעצע און ר' יוסיל מיטן שר שרייבן אלעס וואס זיי נעמען און וויפיל געלט מען וועט דארפן באצאלן און אזוי אין א פאר שעה האט מען אויסגעליידיגט דעם גאנצן געשעפט פון סחורה און מען האט זיך פארעכענט און דער שר האט געגעבן פאר ר' יוסיל א זאק מיט גאלד און איז אוועקגעפארן מיט די סחורה.

ר' יוסיל האט נישט קיין שום סחורה אין געשעפט און טראכט צו וואס דארף ער זיין אפען און פארשליסט דעם געשעפט און זוכט א פלאץ צו באהאלטן די גאלד און זעצט זיך אריין אין שול און לייגט זיך אריין אין זיינע לימודים, עס גייט אריבער די צייט און דער בעה"ב קומט צוריק פון זיין נסיעה און גייט אריבער זיין געשעפט צו זען אויב ר' יוסיל האלט זיין תנאי, אבער ער זעט אז עס איז פארשפארט, דער בעה"ב ווערט מלא חימה און לויפט גלייך אין בית המדרש און זעט ר' יוסיל איז רוהיג און איז פארטיפט אין א ספר, דער בעה"ב האט ממש געוואלט שלאגן ר' יוסיל אבער ער האט זיך איינגעהאלטן, אבער ער האט אויסגעגאסן זיינע ווערטער פעך און שוועבל, אבער ר' יוסיל ענטפערט אים נישט און איז אלעס מקבל בנחת. ר' יוסילווארט ביז דער בעה"ב האט געענדיגט, הויבט אן ר' יוסיל צו רעדן מיט א איידילקייט און דערציילט די גאנצע מעשה וואס עס האט פאסירט מיטן קעניג'ס הויף און אז ער האט נישט געהאט קיין סחורה איז נישט געווען א ענין צו זיצן אין א ליידיגע געשעפט.

דער בעה"ב איז געווען שווער דאס צו גלויבן אבער ווען ער האט געזען אז דער געשעפט איז ליידיג און אויך דער זאק פון גאלד איז ער געווארן בארוהיגט און געווען צופרידן ווייל ער האט פארקויפט אסאך סחורה וואס ער האט נישט געקענט פארקויפן. זיי האבן געמאכט א חשבון און דער קרן האט דער בעה"ב באקומען און די רעשט האט ר' יוסיל באקומען. ר' יוסיל האט באצאלט פאר די צימער אין לעמבערג און געדונגען א גוטן וואגן און איז אהיים געפארן קיין קראקא און גלייך באצאלט די חובות וואס ער האט געבארגט אויף יו"ט. ווען ער געקומען ביי זיך אין שטוב האט ער זיך פארשפארט אין זיין צימער און געמאכט א חשבון וויפיל איז אים געבליבן און וואונדער אויף וואנדער איז די חשבון געווען פונקט צען טויזנט רייניש אזוי ווי דער רבי האט געזאגט.

ערב שבועות איז ר' יוסיל אנגעקומען קיין פרימישלאן צו אווארעמע קבלת פנים פון רבין וואס זאגט אים "אזוי קומט מען צום רבין מיט צען טויזנט רייניש און מען איז מהנה די גבאים און מען קויפט חשובע עליות און מען איז מהנה די שול און אלע ווערן פריילאך". דער יו"ט איז געווען א גאר דערהויבענער און נאך יו"ט ביים געזעגענען זאגט אים ר' מאיר'ל יעצט אז דו האסט נאנט צו צען טויזנט רייניש וואס דאס איז א פארמעגן, האסט נישט וואס צו זוכן אין חוץ לארץ פאר קיין ארץ ישראל און זיץ על התורה ועל העבודה און וועסט דארט אויך זוכה זיין צו קינדער. ר' יוסיל איז געפארן קיין א"י און אוועק געשטעלט א דור. איין איידעם איז געווען הרה"צ ר' שמעון נתן נטע פון לעלוב, נפ' ג' בתשרי ה'תר"צ זיע"א.


*ניש קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן -*

נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים מיט ע"ט דפוס זיטאמיר, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. עטליכע בריוו פון הגאון ר' יונתן שטייף פון פעסט. חידושים שונים בכת"י מהגאון ר' צבי הירש וואלק אב"ד פינסק בעל כתר כהונה על הספרי. מטבע משנת תשע"ג לכבוד 250 יאר געבורטס פון חתם סופר צו פארקויפן 500$, קול קורא פון חפץ חיים תרפ"ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה 600$, פסק דין פון הייליגע נודע ביהודה און זיין חתימה, גרויסע תהלים דפוס זיטאמיר 5000$, מחזור פאר אלע 5 ימים טובים דפוס זיטאמיר נוסח ספרד 8500$ , בריוו פון הגאון ר' אליעזר ראביאוויץ דער מינסק גדול, תשובה פון הגאון מהרי"א אסאד 7500$, תשובה פון הייליגן דברי יואל 5 שורות כת"י בלי חתימה. מענה לשון דפוס זיטאמיר, פסק דין פון פנים מאירות. קומט אריין און איבערצייגט זיך. א בריוו פון הייליגן דברי חיים מצאנז און פון דברי יחזקאל משינאווא, פון דברי חנה, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. חידושי הרשב"א קידושין עם הגהות הגאון ר' צבי יעקב דיקמאן, הכתב והקבלה דפוס ראשון, ספר נדיר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardes yehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday** מען קען באקומען דעם גליון אין די ספר גליונות

אדער אויף לדעת **http://ladaat.info/gilyonot.aspx --- *WWW.SEFORIMWORLD.COM***